פרשת חקת־בלק (בלק בא"י) ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון ט' ||| שנה א'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר במדבר
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

## בך בטחתי

### ושמחת בכל הטוב;
בטחון דורך גלייבן אין דעם 'טוב הנסתר'

יום שני פרשת נשא ז' סיון תשע"ט

א

## ה'בטחון' הוא פרי ה'אמונה'; די ערשטע שטאַפּל פון בטחון איז זיין צופרידן מיט דער הנהגת ה'

### בטחון מיינט זיין אַ 'שמח בחלקו'

ס'איז דאָ אַ שטיקל אין ספה"ק קדושת לוי (פרשת בשלח), וואו דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע - וואָס איז פון אונזערע גרויסע רבי'ס אין דער סוגיא פון בטחון - איז מסביר וויאַזוי בטחון אַרבעט.

דער קדושת לוי רעדט דאָרט אַרום וועגן די גרויסע אמונה וואָס אידישע קינדער האָבן געהאַט ביים 'ים סוף', אַז זיי גייען זיכער געהאָלפן ווערן. אינמיטן זיינע ווערטער דערמאַנט ער צוויי מאָל אַז בטחון מיינט ווען דער מענטש איז "יעצט' אַ 'שמח בחלקו'.

איינמאָל איז זיין לשון: "**ויהיה שמח בחלקו ואז גם מלמעלה יגיע לו כך**", און דערנאָך חזר'ט ער דאָס נאָכאַמאָל איבער: "**כמו שהוא בוטח בה' שהא-ל עושה כל צרכיו, כן הא-ל נותן לנו כל צרכנו**".

דאָס הייסט אַז בטחון איז נישט פּשט צו גלייבן בלויז אַז עס וועט זיין גוט 'בעתיד', נאר אויך צו גלייבן אַז "יעצט' האָט דער רבוש"ע שוין געגעבן אַלע באַדערפעינישן און עס פעלט גאָרנישט!

דער קדושת לוי איז מסביר אַז ווען דער מענטש איז צופרידן פון זיין יעצטיגע מצב, ווייל ער גלייבט אַז דער אויבערשטער גיט אים שוין אַלעס גוטס, וועט דאָס מעורר זיין אויף אים די מדה פון 'ה' צלך', (דאָס הייסט אַז וויאַזוי דער מענטש פירט זיך, אַזוי פירט מען זיך מיט אים פון הימל), אַז ער וועט טאַקע באַקומען אַלעס גוטס!

### די ערשטע שטאַפּל פון בטחון: זיין צופרידן מיט'ן יעצטיגן מצב

אויבן אויף ווערט שווער די שאלה, וואָס איז די שייכות צווישן די צוויי זאַכן?!

מיר זענען צוגעוואוינט אַז 'בטחון' מיינט 'דער אויבערשטער וועט העלפן אַז עס וועט זיין גוט בעתיד'. ווידעראום דאָס ענין פון 'שמח בחלקו' איז אַ שיינע מדה וואָס איז אַ באַזונדערע עבודה.

אָבער פון דעם קדושת לוי זען מיר אַז די סאַמע ערשטע און וויכטיגע חלק פון 'בטחון' איז דווקא דער זאַך פון זיין אַ 'שמח בחלקו'! אָן דעם ערשטן חלק הייבט זיך בכלל נישט אָן קיין בטחון! דאָס דאַרף מען גוט דערהערן.

צו פאַרשטיין בעסער די נקודה, וועט מען דערמאַנען אַ שאלה וואָס איינער האָט אַריינגעשיקט:

ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַ מצב וואָס ער האָט דערווייל נישט זוכה געווען צו קיין אָפּענע טוב, דאַרף ער דאָך גלייבן אַז "טוב ה' לכל"; אויב דער רבוש"ע האָט אים דאָס צוגעשיקט איז דאָס זיכער די סאַמע בעסטע זאַך פאַר אים.

אויב אַזוי פאַרוואָס דאַרף ער זיך יעצט בוטח זיין אַז עס גייט קומען 'אָפּענע' גוטס און אַז דער רבוש"ע גייט אים שיקן אַן 'התגלות הטוב'?! פאַר אים איז דאך בעסער די באַהאַלטענע טוב! והא ראי' אַז ווען ס'וואָלט געווען גוט פאַר אים 'טוב באתגליה' וואָלט ער דאָס יעצט געהאַט! דאַן פאַרוואָס דאַרף ער זיך בוטח זיין אַז ס'וועט זיכער זיין התגלות הטוב?!

### 'בטחון' איז די צווייטע חלק נאָך 'אמונה'

אַלס די ענטפער אויף די שאלות לאָמיר נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן דעם יסוד פון בטחון, וואָס דער הייליגער **רמב"ן** שטעלט אַראָפּ אין אָנהויב

#### ◄ אותיות מחכימות ►
ספה"ק קדושת לוי, פרשת בשלח

והנה ידוע הגם שהשם יתברך ברוך הוא דרכו להטיב לבריותיו, ויש הטבה שהוא מאתערותא דלעילא לבד, ויש שהוא מאתערותא דלתתא, שישראל מטיבים מעשיהם וגורמים במעשיהם רחמי השם יתברך עליהם, כמאמר הכתוב (תהלים קכא, ה) ה' צלך, וכמו שהבאתי בשם הבעל שם טוב, ה' צלך, כמו שהצל עושה מה שהאדם עושה, כן כביכול כמו שהאדם מתנהג למטה כן מנהיגין אותו מלמעלה. לכן אם מתנהג במידת הרחמים, גם מלמעלה מרחמין עליו כו', כמו שאיתא (שבת קנא, ב) כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים.

לכך צריך האדם להתנהג במידת רחמים וטובות ובכל המידות טובות, ויהיה שמח בחלקו ואז גם מלמעלה יגיע לו כך, וכן הוא במדרש על פסוק ה' צלך.

ולכך אם האדם בטוח בה' שהשם יתברך יעשה לו כל צרכיו, גם למעלה ממלאין לו כל משאלותיו, אבל אם האדם דואג תמיד על פרנסתו ופרנסת אנשי ביתו, אזי גם למעלה יחסר פרנסתו. ולכן אשרי איש שלא ישכחך ושם בטחונו בה', כי אז ה' צלך ומכין פרנסתו, כמו שהוא בוטח בה' שהא-ל עושה כל צרכיו, כן הא-ל נותן לנו כל צרכינו".

**אותיות מחכימות** — ספה"ק ליקוטי אמרים תניא, אגרות הקודש י"א

להשכילך בינה, כי לא זו הדרך ישכון אור ה', להיות חפץ בחיי בשרים ובני ומזוני, כי על זה אמרו רז"ל בטל רצונך כו', דהיינו שיהיה רצונו בטל במציאות, ולא יהיה לו שום רצון כלל בענייני עולם הזה כולם, הנכללים בבני חיי ומזוני, וכמאמר רז"ל שעל כרחך אתה חי.

וביאור הענין הוא, רק אמונה אמתית ביוצר בראשית, דהיינו שהבריאה יש מאין הנקראת ראשית חכמה, והיא חכמתו שאינה מושגת לשום נברא, הבריאה הזאת היא בכל עת ורגע שמתהווים כל הברואים יש מאין, מחכמתו יתברך המחיה את הכל. וכשיתבונן האדם בעומק הבנתו, ויצייר בדעתו הווייתו מ'אין' בכל רגע ורגע ממש, היאך יעלה על דעתו כי רע לו או שום יסורים מבני חיי ומזוני או שארי יסורין בעולם, והרי ה'אין' שהיא חכמתו יתברך הוא מקור החיים והטוב והעונג, והוא העדן שלמעלה מעולם הבא, ורק מפני שאינו מושג לכן נדמה לו רע או יסורים, אבל באמת אין רע יורד מלמעלה והכל טוב, רק שאינו מושג לגודלו ורב טובו. וזהו עיקר האמונה שבשבילה נברא האדם, להאמין דלית אתר פנוי מיניה ובאור פני מלך חיים, ועל כן עוז וחדוה במקומו הוא והוא רק טוב כל היום.

ועל כן ראשית הכל שישמח האדם ויגל בכל עת ושעה, ויחיה ממש באמונתו בה' המחיה ומטיב עמו בכל רגע. ומי שמתעצב ומתאונן, מראה בעצמו שיש לו מעט רע ויסורין וחסר לו איזה טובה, והרי זה ככופר ח"ו. ועל כן הרחיקו מדת העצבות במאוד חכמי האמת. אבל המאמין לא יחוש משום יסורין בעולם, ובכל ענייני העולם הן ולאו שווין אצלו בהשוואה אמתית. ומי שאין שווין לו, מראה בעצמו שהוא מערב רב דלגרמייהו עבדין, ואוהב את עצמו לצאת מתחת יד ה' ולחיות בחיי עובדי גלולים, בשביל אהבתו את עצמו, ועל כן הוא חפץ בחיי בשרים ובני ומזוני כי זה טוב לו, ונוח לו שלא נברא.

כי עיקר בריאת האדם בעולם הזה הוא בשביל לנסותו בניסיונות אלו, ולדעת את אשר בלבבו אם יפנה לבבו אחרי אלהים אחרים שהם תאוות הגוף המשתלשלים מסטרא אחרא ובהם הוא חפץ, או אם חפצו ורצונו לחיות חיים אמתיים המשתלשלים מאלוקים חיים אף שאינו יכול.

ויאמין שבאמת הוא חי בהם, וכל צרכיו וכל ענייניו משתלשלים באמת בפרטי פרטיותיהם שלא מסטרא אחרא כי מה' מצעדי גבר כוננו, ואין מלה כו', ואם כן הכל טוב בתכלית רק שאינו מושג. ובאמונה זו באמת נעשה הכל טוב גם בגלוי, שבאמונה זו שמאמין שהרע הנדמה בגלוי כל חיותו הוא מטוב העליון שהיא חכמתו יתברך שאינה מושגת, והיא העדן שלמעלה מעולם הבא, הרי באמונה זו נכלל ומתעלה באמת הרע המדומה בטוב העליון הגנוז.

פון זיין ספר '**האמונה והבטחון**', אַז: "**בטחון איז אַ תולדה פון אמונה**".

דאָס הייסט אַז ס'קען זיין מעגליך אַז דער מענטש האָט 'אמונה' אָבער ער האַלט נאָכנישט ביי דער מדריגה פון 'בטחון'. אין זיין מח גלייבט ער אודאי אַז דער רבוש"ע פירט די וועלט, אָבער ער שפּירט עס נאָכנישט בפּועל אין האַרץ, ס'איז נאָכנישט 'מח שליט על הלב'.

אָבער פאַרקערט איז נישט שייך; מען קען נישט האָבן קיין 'בטחון' אָן דעם וואָס מען האָט בעפאָר די ריכטיגע 'אמונה'. ס'איז פּשוט נישט מעגליך צו האָבן בטחון פאר אמונה, ווייל בטחון קומט הערשט אַלס אַ 'תולדה' פון קלאָרע אמונה!

דער רמב"ן לערנט אונז דאָ אַז די ערשטע שטאַפּל פון אַ איד'ס מחשבה דאַרף זיין די חלק פון 'אמונה'; גלייבן אַז אַלעס וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט, יעדע קלייניגקייט, איז מיט אן השגחה פּרטיות פאר מיין טובה. גאָרנישט פּאַסירט נישט דאָ 'בטעות' און אַלעס איז מיט אַ פּונקטליכע חשבון לטובתי!

הערשט נאָכדעם וואָס מען גוט קונה געווען די 'אמונה' - אַז אַלעס פירט דער רבוש"ע צום גוטן, קען מען יעצט אַריבערגיין צום קומענדיגן שטאַפּל פון 'בטחון' - אַז עס גייט זיכער זיין גוט אויף להבא!

## די הייליגע ווערטער פון "להשכילך בינה"

'אמונה' איז אויך טייטש אַז דער רבוש"ע איז דער 'מקור הטוב' און דעריבער איז ער בלויז מטיב אַלעמאָל! ס'איז פּשוט נישט פאַרהאַן אַזאַ זאַך ווי 'רע' אויף דער וועלט!

דער ענין ווערט אויסגעשמועסט אין דעם באַוואוסטן בריוו, פון הייליגן **בעל התניא** זי"ע, וואָס איז געדרוקט אין די אגרות הקודש פון ספר **ליקוטי אמרים**, סימן י"ט, וואו ער איז מסביר אַז ווען אַ מענטש גייט אַריבער אַ שוועריגקייט, מיט יעדע סאָרט יסורים פון בני חיי ומזוני, וויאַזוי קען ער אפילו אַרויפברענגען אויפ'ן געדאַנק אַז דאָס איז שלעכטס?! דער אויבערשטער איז דאָך דער 'מקור החיים והטוב והעונג' - נאָך העכער פון די תענוגים פון עולם הבא!

וויבאַלד מיר האָבן נישט די כלים דאָס צו משיג זיין, דעריבער דאַכט זיך אונז אַז דאָס איז שלעכטס אָדער יסורים, אָבער באמת קומט נישט אַראָפּ קיין שום שלעכטס פון אויבן, אַלעס איז גוטס! נאר מיר זענען דאָס נישט משיג צוליב די געוואַלדיגע גרויסקייט און גוטס דערפון.

דער הייליגער בעל התניא דרוקט זיך דאָרט אויס אַז **דאָס איז די עיקר אמונה וואָס דער מענטש איז דערפאַר באַשאַפן געוואָרן**, צו גלייבן אַז 'לית אתר פנוי מיניה' וואָס איז כולל די גרעסטע גוטס - עוז וחדוה במקומו! און דעריבער דאַרף מען אַלעמאָל זיין פריילִיך ווייל ס'איז 'רק טוב כל היום'!

דעריבער - זאָגט ער - אַז די ערשטע זאַך פון אַלע עבודות איז אַז **דער מענטש זאָל זיין פריילִיך אַלעמאָל**. ער זאָל לעבן מיט דער אמונה אַז דער רבוש"ע איז אַלעס מחי' און ער איז אים מטיב יעדע רגע. ווער ס'איז טרויעריג און באַקלאָגט זיך צייגט אַז ער האָט אַביסל שלעכטס און יסורים און עס פעלט אים עפּעס גוטס, איז ער אַזויווי אַ כופר חס ושלום. **דעריבער האָבן די 'חכמי האמת' זייער מרחק געווען די מדה פון עצבות**, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז ווען אַ מענטש לעבט נישט מיט דער שמחה, איז דאָ דערביי אַן ענין פון כפירה חלילה, עס פעלט אים די ידיעה אַז דער רבוש"ע שיקט אַלעס מיט זיין חסד. עד כאן תוכן דבריו הק'.

אודאי זענען די הייליגע ווערטער אַ מדריגה, אָבער מיר דאַרפן שטרעבן דערצו און מען דאַרף כאָטש וויסן אַז אַ מענטש דארף אַזוי לעבן.

## געדענק דעם "להשכילך בינה"...

במשך אַלע יאָרן האָבן אידן געשעפּט אַסאַך חיזוק פון די הייליגע ווערטער. עס ווערט פאַרציילט אַז אין רוסלאַנד האָט מען אַמאָל געכאַפּט צוויי ליובאַוויטשער חסידים, וועמען מען האָט געוואָלט איינזעצן אין טורמע. איינער האָט זיך אַרויסגעדרייט און דעם אַנדערן האָט מען יאָ אַרעסטירט אין דער רוסישער תפיסה.

דער חבר וואָס איז געבליבן אינדרויסן האָט געוואָלט מחזק זיין דעם חבר וואָס איז געזיצן אין תפיסה, אָבער מען קען דאָך נישט צוגיין אפילו נאָנט צו דער טורמע, האָט ער אונטערגעשמירט דעם שומר אַז ער זאָל אים אָנצייגן ביי וועלכן קליינעם פענסטער ס'איז דער צימער וואו זיין חבר זיצט, און יעדן טאָג האָט ער זיך דאָרט אַראָפּגעשטעלט און אַריינגעשריגן: "**געדענק דעם 'להשכילך בינה'**"...!

ער האָט נישט געהאַט קיין שום אַנונג אויב דער חבר לעבט בכלל, און צי ער הערט אים אפילו, אָבער ער איז יעדן טאָג געקומען און אַריינגעשריגן אַז דער חבר זאָל זיך דערמאַנען פון דעם "להשכילך בינה"...

שפּעטער איז דער חבר טאַקע באַפרייט געוואָרן און ווען ער האָט אים געטראָפן האָט ער אים באַדאַנקט מעומק הלב, זאָגנדיג: "האסט נישט קיין מושג וויפיל חיות איך האָב באַקומען יעדעס מאָל וואָס דו האסט מיך דערמאַנט פון דעם 'להשכילך בינה'"...

## אַז דער שלחן ערוך פּסק'נט אַזוי איז דאָס דער אמת

די זעלבע נקודה שטייט אין ספה"ק **אמרי פּנחס**, אַז הרה"ק רבי **רפאל בערשידער** זי"ע, דער תלמיד פון הרה"ק רבי **פּנחס קאָריצער** זי"ע, האָט געזאָגט אַז עס קען דאָך נישט מעגליך זיין אַז דער אויבערשטער זאָל אונז הייסן אַ 'דבר שקר' חס וחלילה. אויב עס שטייט אין דער גמרא, און עס ווערט גע'פּסק'נט להלכה (שו"ע סימן ר"ל ס"ה) אַז "**לעולם יהא אדם רגיל לומר 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'**", קען דאָך נישט זיין אַז דאָס איז אַ שקר, אלא מאי איז דאָס טאַקע דער אמת!

**וויפיל מער דער איד דרייט זיך אַרום מיט אַ שמייכל, וויפיל מער ער דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר די צרות, איז ער אַלץ מער מגלה דעם 'טוב'!**

# גולל חושך מפני אור: אַנטפּלעקן די באַהאַלטענע 'טוב' אין יעדן מצב

## די רעוואָלוציע וואָס דער מענטש מאַכט פון "טוב נסתר" צו "טוב נגלה"

און נאָכ'ן לערנען אָט די געוואַלדיגע יסודות, קומען מיר צו דער נקודה:

ווען אַ מענטש האָט יסורים, איז דאָס נישט אַזוי געשמאַק ווי ווען עס לערנט זיך אין אַ ספר. אַמאָל האָט דער מענטש יסורי הגוף, מען קען אים זאָגן 'תורות', אָבער דער גוף טוט אים פּשוט וויי; אַמאָל איז ער אַריבער אַ שווערע פּרשה וואָס עס מאַכט גרויסע עגמת נפש; צומאָל האָט ער נישט קיין געלט אויף מאָרגן און דאָס דרוקט אים שטאַרק.

אַצינד, אויב דער מענטש דערמאַנט זיך אַז די יעצטיגע מציאות איז למעשה יאָ 'טוב' און ער חזר'ט זיך אַז אַלעס גוטס, אפילו ער שפּירט עס נישט בחוש. וואָס האָט ער יעצט געטון?! **ער האָט גענומען 'טוב באתכסיא' - באַהאַלטענע טוב, און ער האָט דאָס איבערגעדרייט, צו 'טוב באתגליא'- אָפּענע טוב!**

באַהאַלטענע 'טוב' איז טייטש אַז קיינער כאַפּט נישט אַז דאָ ליגט גוטס. אָבער **וויפיל מער דער איד דרייט זיך אַרום מיט אַ שמייכל, וויפיל מער ער דאַנקט דעם אויבערשטן פאר די צרות, איז ער אַלץ מער מגלה דעם 'טוב'!** ער האָט געטון אַ פּעולה פון איבערדרייען 'באַהאַלטענע טוב' און געמאַכט דערפון 'אָפּענע טוב'!

זאָגט אונז דער הייליגער **קדושת לוי** אַז יעצט קומט דאָ אַריין די מדה פון 'ה' צלך'! דער רבוש"ע גייט יעצט טון די זעלבע זאַך וואָס דו האסט געטון!

דו האסט גענומען 'באַהאַלטענע גוטס' און דאָס פאַרוואַנדלט אין 'אָפּענע גוטס'; **וועט מען פון הימל אויך נעמען די 'באַהאַלטענע גוטס' וואָס דו האָסט זיך דאָרט געפינען, און יעצט גייט עס ווערן 'אָפּענע גוטס'!** דו גייסט אָנהויבן זען 'טוב בהתגלות'!

## לויט די הנהגה פון דער וועלט קומט זיך דיך יעצט 'טוב הנגלה'

דאָס איז למעשה איינס פון די שטאַרקסטע יסודות פון דער בריאה! דאָס איז דער באַשטימטער סדר וויאַזוי דער רבוש"ע האָט געבויעט זיין וועלט, אַז דער מענטש האָט בפּועל אַ כח צו נעמען 'באַהאַלטענע גוטס' און דאָס מאַכן פאַר 'אָפּענע גוטס', דורך זיין אייגענע מחשבה!

אַזוי שטייט אויך אין ספה"ק **בת עין** (פּרשת ויחי) אַז אַ מענטש דאַרף אַלעמאָל גלייבן אַז "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", און ער דאַרף שטענדיג לויבן דעם אויבערשטן מיט אַ שמחה. **אפילו ווען עס פעלט אים זאַכן וואָס ער וויל שטאַרק האָבן, זאָל ער גלייבן מיט אַן אמונה שלימה אַז דאָס איז 'באַהאַלטענע חסד השם'**, כדי ער זאָל קענען דערויף דאַנקן מיט אַ שמחה ממש, און **מיט אָט די אמונה וועט ער ברענגען אַז עס גייט טאַקע נמתק ווערן אַלע דינים און עס גייט קומען אַלע השפּעות 'באתגליא'!**

ווייל אויב מען איז מגלה די 'טוב שבאתכסיא', פּאַסירט אויטאָמאַטיש אַז עס קומט אַראָפּ אָפּענע חסד - 'טוב שבאתגליא'!

ווען אַ איד האָט די ערשטע שטאַפּל פון 'אמונה'; ער איז אַ 'שמח בחלקו', נעמט ער דעם 'באַהאַלטענעם טוב' און ער איז דאָס מהפך פאַר 'אָפּענע טוב'. דעמאָלט קען ער טאַקע גיין צום צווייטן שטאַפּל, די חלק פון 'בטחון', **ווייל אַצינד גייט ער זוכה זיין צו דער הנהגה פון 'ה' צלך'**, און מען גייט אים משפּיע זיין 'אָפּענע טוב'.

## דער שכר פאַר'ן מגלה זיין דעם 'טוב הנסתר' איז אַז מען באַקומט 'טוב הנגלה'

דערמיט ווערט פאַרענטפערט די פראַגע וואָס מען האָט געפרעגט: "אויב דער רבוש"ע האָט ביז יעצט געמאַכט אַז דער מענטש זאל האָבן 'טוב באתכסיא', אויב אַזוי פאַרוואָס זאָל ער האָט בטחון אַז פון יעצט גייט שוין זיין אָפּענע גוטס?! אפשר איז אים באַשערט 'באַהאַלטענע גוטס', ווייל דאָס איז בעסער פאַר אים, והא ראי', אַז ביז יעצט האָט ער נאר באַקומען די באַהאַלטענע טוב?!"

און דער תירוץ דערויף איז אַז אודאי וויל דער רבוש"ע אַלעמאָל אונז געבן 'טוב הנגלה' אין יעדן מצב! מיר קענען זיין זיכער אַז דער רבוש"ע וויל אונז באַגיסן מיט 'אָפּענע טוב' מיט אַ שלימות!

נאר דער אויבערשטער כביכול זאָגט פאַר'ן מענטש: "נעם דעם 'באַהאַלטענעם טוב' וואָס איך געב דיר, און דריי עס איבער פאר 'אָפּענע טוב'. גלייב אַז דאָס וועט זעט אויס שלעכטס איז באמת גוט נאר ס'איז באַהאַלטן.

"אַז דו וועסט אַזוי טון; דו וועסט, מיט די ריכטיגע אמונה, מהפך זיין און מגלה זיין דעם טוב פון דעם 'עבר' און פון דעם 'הוה'; **וועסטו אליינס גורם זיין אַז די קומענדיגע טוב וועט טאַקע זיין אינגאַנצן בהתגלות!**".

נישט אַלעמאָל איז דאָס לייכט. צומאָל שפּירט דער מענטש ממש צעריסן, עס טוט אים אַזוי וויי זיינע יסורים, אָבער וויפיל מער ער האַקט שטיקער פון זיך, וויפיל מער ער גלייבט באמת און ער חזר'ט אַז אַלעס איז זיכער טוב, טוט דער מענטש אַ פּעולה פון באַלייכטן דעם חושך! **ער איז בפּועל מגלה דעם טוב פון די גרעסטע באַהעלטעניש און דאָס גייט אים זיכער ברענגען אָפּענע חסדים** און 'טוב הנגלה'!

## אמרתי תודה ונושעתי; ווייל דו האסט אַנטפּלעקט דעם 'טוב'

לעצטנס איז שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן דער ענין פון "איך האָב געדאַנקט און איך בין געהאָלפן געוואָרן". אידן זען גרויסע ישועות מיט דעם ענין.

אָבער ס'איז וויכטיג צו פאַרשטיין אַז די באַדייט דערפון איז 'נישט' אַז 'דאַנקן איז נאָך אַ סגולה'... מיר דאַרפן שוין שטייגן אַביסל העכער, און דאָס אָנקוקן מיט אן ערוואַקסענעם בליק.

ווען אַ איד דאַנקט אויף אַלעם, זאָגט ער בעצם דערמיט: "אפילו זאַכן זענען נישט געגאַנגען פּונקט ווי איך האָב געוואָלט, אָבער איך גיי דאַנקן דעם אויבערשטן, ווייל איך גלייב אַז דאָ ליגט טוב"!

**ווען אַ מענטש לעבט אַזוי, האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין אַ וועלט פון מהפך זיין 'טוב הנסתר' צו 'טוב הנגלה', וועט ער אודאי אָנהויבן זען אָפּענע חסדים נגלים!** דאָס איז נישט קיין 'סגולה', נאר אַזוי אַרבעט די גאנצע סדר העולם, מיט דעם סיסטעם פון 'ה' צלך' - וואָס מיר טוען דאָ אויף דער וועלט, אַזוי פירט זיך דער רבוש"ע מיט אונז!

## די עבודה פון בלויז זען די חסדי השי"ת

וועט דער מענטש פרעגן: וויאַזוי קען מען טאַקע באַקומען אַזאַ בליק אויף די פּראָבלעמען און שוועריגקייטן אַז אַלעס איז געוואַלדיגע גוטס?!

איז באַקאַנט די מעשה פון די הייליגע ברודער, דער **בעל הפלאה** זי"ע און הרה"ק רבי ר' **שמעלקא מניקלשבורג** זי"ע, וועלכע זענען געקומען צום גרויסן **מגיד פון מעזריטש** זי"ע, מיט אַ שאלה וויאַזוי קען מען באמת מקיים זיין דעם "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה" און ווי די גמרא זאָגט "לקבלה בשמחה"?! וויאַזוי איז שייך צו שפּירן ממש די זעלבע מדריגה פון שמחה בשעת מען גייט אַריבער אַ צרה, ווי ווען מען באַקומט אַ טובה?!

די צוויי גאוני עולם האָט נישט געשטערט קיין פּשוט'ע קשיות, דאָס איז געווען אַ עמקות'דיגע שאלה וואָס זיי האָבן געשפּירט אַז זיי דאַרפן האָבן אַ רבי וואָס זאָל זיי מדריך וויאַזוי מען קען דאָס מקיים זיין.

האָט זיי דער מגיד געשיקט אַז זיי זאָלן גיין צום **רבי ר' זושא זי"ע** אין בית המדרש. דאָרט האָבן זיי אים געטראָפן זיצן ביים אויוון פון דער שול, נישט האָבנדיג גאָרנישט צום עסן און צום לעבן, אָבער ער האָט זיי געזאָגט: "מסתם האָט איר געהאַט אַ טעות, דער רבי האָט מיך נישט געמיינט, ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל נישט טועם געווען קיין שלעכטס, קען איך אייך דאָס נישט מסביר זיין"...

## חזר'ן אַז ס'איז נישטאָ קיין שלעכטס

וואָס איז די עומק פון דער תשובה?! אַז ווילאַנג מען זעט דעם 'רעה', איז טאַקע נישט שייך צו ריכטיג דאַנקן דעם אויבערשטן דערויף, ווייל 'אַ מענטש איז דאך נאר אַ מענטש'. **די עבודה פון אַ**

**◄ אותיות מחכימות ►** ספה"ק בת עין, פּרשת ויחי

העיקר הוא להאמין באמונה שלמה שכל מה דעביד רחמנא לטב עביד ולברך לבורא עולם ברוך הוא על הרעה בשמחה ובטוב לבב ממש כשם שמברך על הטובה, ואפילו ח"ו כשהאדם הוא מחוסר ממשאלות לבו, אעפ"כ יהיה אשוריו ותהילותיו של אדם לבורא עולם ברוך הוא על חיינו המסורים בידו ועל נשמתנו המופקדים בידו... ואע"פ שהוא מחוסר ממשאלות לבו, אעפ"כ יאמין באמונה שלמה שכלול בזה חסד ה' באתכסיא בכדי לברך על זה בשמחה ממש. ובזה האמונה והתהילה הוא גורם שנמתקו הדינים בשרשם... ויהיה כל השפעות טובות ומעדני מלך באתגליא.

**איד איז זיך צו אַריינהאַקן אין קאָפּ איינמאָל און נאָכאַמאָל אַז אַלעס וואָס דער רבוש"ע האָט מיך געטון איז ריין 'גוטס'!** אַלעס וואָס גייט אַריבער אויף מיך איז דאָס בעסטע זאַך פאַר מיך! דעמאָלט קען מען טאַקע מברך זיין על הרעה, כשם שמברך על הטובה!

דער רבי ר' זושא זי"ע לערנט אונז אַז דאָס איז די איינציגסטע מהלך! און אויב מיר האַלטן נאָכנישט דאָרט, מיר שפּירן נאָך יאָ אַז ס'איז דאָ 'רעה', איז **אונזער אַרבעט צו גיין צובייסלעך**, זיך צו איינ'חזר'ן און שטייגן יעדעס מאָל אַביסל מער, מיט דער ידיעה, אַז אַלעס איז טוב!

דאָס איז די משמעות פון דעם לשון חז"ל: "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", אַז מיר דאַרפן כאָטש נוצן די ריכטיגע מחשבות, מיר דאַרפן גיין אויף דעם מהלך, אַז מיר זאָלן קענען אָנקומען צו דעם שטאַפּל פון איבערדרייען דעם 'טוב הנסתר' און זען די 'טוב הנגלה' אין יעדע זאַך.

### דער טאַנץ אַרום די אומריינע כלי

אַזוי ווערט טאַקע פאַרציילט אין עובדא, וויאַזוי דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע האָט, מיט זיין קלאָרע אמונה פון דאַנקן און לויבן אויף דעם 'באַהאַלטענעם גוטס', טאַקע זוכה געווען צו איבערדרייען אַלעס צו 'אָפּענע גוטס'.

דער רבי ר' זושא איז געווען אַמאָל איינגעשפּאַרט אין תפיסה, וואו מען האָט אים אַריינגעשטעלט אין אַ צימער מיט נידריגע גוים, און אינמיטן דעם שטוב איז געווען אַן אומריינע כלי אַרויסצוגיין. ווען רבי ר' זושא האָט געזען אַז ער קען נישט דאָרט אַרויסזאָגן קיין אידיש וואָרט האָט ער זיך געשטעלט טאַנצן אַ ריקוד אַרום דעם כלי, ווייל אויב איז יעצט דער רצון ה' אַז מען טאָר נישט דאָ דאַווענען, איז ער דאָך יעצט מקיים דעם רצון ה'.

ווען דער שומר האָט געהערט זיין געזאַנג איז ער אַריינגעקומען פרעגן דערויף, האָבן אים די אַנדערע אַרעסטאַנטן געזאָגט אַז דער איד איז זייער בשמחה מיט דעם כלי, ער טאַנצט אַרום דעם. דער שומר האָט אים געוואָלט אָפּטון, האָט ער אַרויסגענומען די אומריינע כלי פון דעם צימער... אַצינד האָט שוין רבי ר' זושא זיך געקענט שטעלן דאַווענען...

דאָס איז טייטש 'ה' צלך'; ווען אַ מענטש נעמט 'באַהאַלטענע טוב' און ער מאַכט דערפון 'אָפּענע טוב', ער דאַנקט דעם אויבערשטן אין יעדן מצב, ווייל ער טרעפט די 'טוב' וואָס ליגט דאָרט, ווערט

> **„אפילו זאַכן זענען נישט געגאַנגען פּונקט ווי איך האָב געוואָלט, אָבער איך גיי דאַנקן דעם אויבערשטן, ווייל איך גלייב אַז דאָ ליגט טוב!"**

דערפון טאַקע אָפּענע טוב וואָס מען קען אָנטאָפּן און שפּירן בחוש.

### די באַהאַלטענע 'טוב' איז געמאַכט אַז דער מענטש זאל דאָס אויפדעקן

ווען מען רעדט פון דעם ענין צו וויסן און גלייבן אַז אַלעס איז באמת גוטס, טראַכטן מענטשן געוויינליך אַז כדי צו פאַרשטיין וויאַזוי קען זיין אַז שלעכטע זאַכן זענען גוט, דאַרף מען דאָס תולה זיין אין פריערדיגע 'גלגולים' וכדומה.

אָבער באמת איז איינס פון די פשוט'ע חשבונות פאַרוואָס ס'איז לטובה ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַ מצב פון שלעכטס, ווייל דורכדעם קען ער דאָס איבערקערן צו 'טוב הנגלה'! **דער רבוש"ע האָט אים יעצט געגעבן די מעגליכקייטן צו נעמען 'באַהאַלטענע טוב' און דאָס 'מגלה' זיין.**

ווען דער מענטש האָט אַ צרה אָדער אַ פראָבלעם, ער שפּירט אַז ער מוז עפּעס טון, ביז ער קומט אָן צו די עבודה פון אמונה, צו די עבודה פון דאַנקן השי"ת, דעמאָלט דרייט ער איבער די 'באַהאַלטענע טוב', און ער האָט יעצט געבענטשט אַז ס'זאָל קומען אַ שפע פון 'אָפּענע טוב', סיי אויף זיך אליינס און סיי אויף דער גאַנצער וועלט! דער רבוש"ע גייט אים פאַרדעם מטיב זיין בזה ובבא, ווייל דאָס איז דאָך די גאַנצע תכלית הבריאה, אַז דער מענטש זאל דורך זיינע מעשים משפיע זיין גוטס.

דאָס פּאַסירט דוקא ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַן ענגשאַפט וואָס ער זעט ממש נישט קיין וועג אַרויס. ער האָט שוין אַלעס פּרובירט אָבער גאָרנישט האָט אים געהאָלפן. בלית ברירה מוז ער אָנהויבן לערנען בטחון. דערנאָך הערט ער אַז ס'איז דאָ אַזאַ באַגריף ווי דאַנקן דעם רבוש"ע אויפ'ן עבר, אַנשטאָט בלויז בעטן שטענדיג. ער מאַכט זיך דעם חשבון אַז די אַנדערע עצות האָט ער שוין געטון און ס'האָט נישט געאַרבעט, הייבט ער אָן דאַנקן.

יעצט באַגרייפט ער אַ נייע מציאות וואָס ער האָט ביז יעצט קיינמאָל נישט געכאַפּט און די שכר וואָס ער גייט באַקומען דערפאַר איז אומשאַצבאַר!

### די תכלית פון כלל ישראל איז דער יסוד פון "ה' צלך"

דער קדושת לוי זאָגט אַז די גאַנצע הנהגה פון 'ה' צלך', האָט פּאַסירט ביי מתן תורה. דאָס הייסט אַז ביז דעם מעמד פון קבלת התורה האָט דער רבוש"ע געשיקט סתם שפע. אָבער ביי מתן תורה האָט ער צוזאַמגענומען אידישע קינדער און ער האָט אונז געזאָגט אַז פון היינט און ווייטער גייען ענק אַראָפּברענגען די 'טוב' אויף דער וועלט. דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו אַסאַך אַ גרעסערע און טיפערע שכר, ווייל ס'גייט שוין נישט זיין קיין 'נהמא דכסופא'.

ווען אַ מענטש האָט זוכה געווען צו טרעפן דעם 'טוב' וואָס איז געווען באַהאַלטן; ער האָט זוכה געווען צו דאַנקן השי"ת אפילו ווען ס'האָט אים אויסגעזען שווער; **האָט ער דערמיט געטון די תכלית פון דער גאַנצער בריאה!** ער גייט דערפאַר באַקומען אַזאַ שכר עד אין לשער! ער האָט איבערגעדרייט און ממשיך געווען אַ 'טוב הנגלה' פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט!

### סתרו יושר; דער רבוש"ע באַהאַלט זיך מיט יושר

אין ספה"ק **תפארת עוזיאל** (ליוה"כ) טייטשט ער דערמיט, וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען אין די הייליגע טעג "סתרו יושר"; אַז פאַרוואָס האָט דער רבוש"ע זיך מסתיר געווען מיט באַהאַלטענע טוב?! ווייל ער האָט זיך באַהאַלטן מיט יושר, כדי מיר זאָלן אים קענען מגלה זיין דורך אונזער מחשבה און הנהגה און אַזוי וועלן מיר ממשיך זיין אויף זיך חסדים גלויים, און באַקומען אַ ריזיגע שכר, אויף אַן אופן וואָס עס וועט נישט זיין קיין 'נהמא דכיסופא'!

**וויפיל אידן דערציילן אַז דוקא צוליב די יסורים און די צרות וואָס זיי זענען אַריבער האָבן זיי זוכה געווען צו איבערדרייען זייער גאַנצע לעבן!** זיי האָבן זוכה געווען צו אָנקומען צו אַזאַ ליכטיגקייט אין אמונה אַז זיי הערן נישט אויף צו דאַנקן דעם אויבערשטן וואָס ער האָט זיי געפירט אויף דעם וועג!

ג

## תגל נפשי באלקי; ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע תענוג פון אמונה

### בטחון - בלויז אויב מען איז איבערצייגט אַז ביז יעצט איז געווען גוטס

ביז יעצט האָבן מיר גערעדט אַז דורך די 'אמונה' פון אַ איד, וואָס איז מגלה אַז אַלעס איז געווען גוט 'בעבר', קען ער דערנאָך גיין צום קומענדיגן שטאַפּל פון 'בטחון' אַז אַלעס וועט טאַקע ווערן איבערגעדרייט צו 'טוב הנגלה'.

אָבער דאָ קומט צו נאָך אַ געוואַלדיגע נקודה:

כדי אַז דער מענטש זאל טאַקע קענען באמת זיך בוטח זיין אַז דער רבוש"ע גייט אים שיקן גוטס אויף 'להבא', **מוז ער זיין איבערצייגט אַז אַלעס וואָס איז געווען מיט אים ביז יעצט איז אויך געווען בלויז גוטס!**

ס'איז נישט מעגליך אַז אַ מענטש זאל זאָגן: "פון וואָס ס'איז געווען ביז יעצט לאָמיר בעסער נישט רעדן... אָבער אויף ווייטער גלייב איך אַז ס'גייט זיין חסדים גלוים". ווייל אויב ער גלייבט נישט מיט'ן גאַנצן האַרץ אַז אַלעס וואָס האָט מיט אים פּאַסירט איז געווען לטובה, וויאַזוי קען ער זיך בוטח זיין אַז פון יעצט וועט יאָ זיין לטובתו?! אויב די לעצטע זעכציג יאָר איז דיך נישט געווען גוט, פאַרוואָס זאל פון יעצט יאָ זיין גוט?!

בלויז אויב מען איז באמת איבערצייגט אַז אַלעס וואָס דער רבוש"ע האָט געטון מיט אונז, בלי יוצא מן הכלל, איז געווען פאַר אונזער טובה. אפילו ווען ס'האָט אויסגעקוקט באַהאַלטן. **דעמאָלט קען**

**מען גלייבן אַז פונקט ווי ביז יעצט איז אַלעס געווען לטובה, אַזוי וועט דער אויבערשטער אויך ווייטער געבן טוב**, וואָס וועט אודאי נתהפך ווערן צו 'טוב הנגלה'.

## ובטובו הגדול לא חסר לנו - ואל יחסר לנו

אַזוי זען מיר טאַקע אין דער ערשטער ברכה פון 'ברכת המזון', וואָס משה רבינו האָט מתקן געווען מדאורייתא, וואו מען זאָגט: "ובטובו הגדול תמיד לא חסר לנו, ואל יחסר לנו מזון לעולם ועד" - נעמליך, **וויבאַלד מיר זענען אַזוי איבערצייגט אַז "לא חסר לנו", עס האָט אונז קיינמאָל נישט גאָרנישט געפעלט, דעריבער זענען מיר פאַרזיכערט אַז "ואל יחסר לנו", עס וועט אונז ווייטער אויך נישט פעלן!** יעצט אַז דו גלייבסט אַז אַלעס איז גוטס, קענסטו האָבן דעם ריכטיגן בטחון אויף להבא!

אויב אַ מענטש זאָגט: "עס שטימט דאָך נישט?! איך בין נישט פון די וואָס האָבן באַקומען אַלעמאָל טוב?!", דאַרף ער נאָכאַמאָל אָנהויבן בענטשן... ער האָט פשוט קיינמאָל נישט געבענטשט ריכטיג, און דער ספר החינוך פסק'נט דאָך אַז אַלע אידן זענען מחויב מיט 'ברכת המזון', ס'איז 'נוהג בין בזכרים ובין בנקבות'; קיינער קען נישט זאָגן אַז: "ביי מיר שטימט עס נישט"...

זיי זיך מתבונן אין דעם "ובטובו הגדול תמיד לא חסר לנו"! **הייב אָן אָנערקענען אַז די טייטש פון 'גוטס' איז נישט אַלעמאָל דאָס וואָס דו האָסט מחליט געווען אַז עס הייסט גוט!** פאַרשטיי' אַז דעם אויבערשטנס גוטס קענען מיר נישט אַלעמאָל משיג זיין, **אָבער דאָס איז זיכער אַז אַלעס איז חסדים!** דעמאָלט וועסטו קענען גיין צום קומענדיגן שטאַפּל, צו גלייבן באמת אַז עס גייט שוין פון היינט און ווייטער זיין אייביג 'טוב הנגלה'!

## מיר דאַרפן אָנהויבן אָנערקענען דאָס גוטס

צו פאַרשטיין דעם געדאַנק קען מען זאָגן אַ משל, וואָס באמת איז בטחון אַסאַך טיפער ווי דער משל, אָבער ס'איז גוט פאַר אַן אָנהויב, צו כאַפּן די נקודה:

ס'איז אַמאָל געווען אַ קעניג וואָס האָט געמעלדן אַז ער גייט טיילן פאַר יעדן איינעם אַלעס גוטס וואָס מען דאַרף נאר האָבן, אָבער מיט איין תנאי, אַז מען דאַרף אים ברענגען אַ באַווייז אַז מען האָט ביז יעצט באַקומען בלויז גוטס פונעם קעניג.

וואָס וועלן אַצינד טון די אַלע מענטשן וואָס פלעגן זיך אַלעמאָל באַקלאָגן, אָבער יעצט ווילן זיי באַקומען דעם גוטס פונעם קעניג?! זיי וועלן זיך מוזן אָנהויבן דערמאָנען: "אָה, איך האָב יאָ באַקומען אַסאַך גוטע זאַכן"... זיי וועלן נעמען דעם אַלטן מציאות, און דאָס איבערפאַרבן פונדאַסניי, און זיי וועלן זיך איבערצייגן אַז בעצם איז אַלעס געווען 'טוב'!

אַזוי אַרבעט דער סדר פון בטחון: צוערשט קומט דער חלק פון "שמח בחלקו"; דער מענטש איז זיך משכנע אַז אַלעס איז גוטס. דערנאָך, אַז ער איז אַריין אין אַ וועלט פון 'טוב', וועט ער טאַקע באַקומען דעם 'טוב הנגלה' אָן קיין שיעור!

## ואל תחקור אחר העתידות - מאַך נישט קיין צמצום פאַר דיין טוב!

אויב איינער וועט פרעגן אַז אפשר איז דער רצון ה' אַז ס'זאָל ווייטער אויך זיין 'טוב הנסתר'?!

דאַרף מען נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן די 'אלף בית' פון בטחון, וואָס דער **רמב"ן** לערנט אַרויס די מצוה פון בטחון פון דעם פסוק "**תמים תהי' עם ה' אלקיך**", און ווי רש"י זאָגט: "**ואל תחקור אחר העתידות**".

איינס פון די טייטשן פון "ואל תחקור אחר העתידות" איז: "פּרוביר נישט טראַכטן וויאַזוי דו גייסט באַקומען דעם 'טוב', און וועלכע סאָרט 'טוב' דו גייסט באַקומען"...

די אַלע מחשבות, ווען דער מענטש איז מחליט אַז ער דאַרף אַ ספּעציפישע זאַך, אויף אַ ספּעציפישן אופן, מער געלט, אַ דירה, נחת פון די קינדער, א.א.וו. **דאָס איז מורא'דיג מצמצם אַז דער טוב זאָל נישט קענען קומען.**

דער מענטש קען קיינמאָל נישט וויסן וויאַזוי דער רבוש"ע גייט אים שיקן גוטס. און אויף וועלכע אופנים - וואָס ער האָט קיינמאָל נישט גע'חלומ'ט - גייט אָנקומען די 'טוב'. ווען מען לייגט דאָס אַריין אין אַ געוויסע 'כלי' אַז דוקא אַזוי דאַרף קומען דאָס גוטס, איז מען דאָס זייער שטאַרק מצמצם.

'רע' און 'טוב' מיינט נישט די פּאַקטישע מציאות אַרום אונז. 'שלעכטס' מיינט ווען דער מענטש איז יונק פון דעם אויבערשטן. ער פיינט זיך, ער איז בצער, ווייל ער נעמט זיין יניקה פון 'רע'! **דער רבוש"ע וויל אָבער אַז מיר זאָלן מער יונק זיין פון 'טוב'! און דעמאָלט וועלן מיר זוכה זיין צו אַזאַ ליכטיגע 'טוב' וואָס מען קען זיך נישט פאַרשטעלן ווי גוט דאָס איז!** ס'וועט זיין אַ 'טוב הנגלה' וואָס איז אַסאַך בעסער ווי אַלע אונזערע קליינע השגות פון 'טוב'!

## מיר ווייסן נישט וואָס הייסט גוטס!

מענטשן האבן אַ טעות און מען דאַרף דאָס קלאָרשטעלן, מען דאַרף קלאַפּן אויפ'ן טיש ווען מען זאָגט דאָס: "מיר ווייסן נישט וואָס הייסט גוטס! מיר האָבן נישט קיין שום מושג וואָס איז באמת 'טוב'!"

מיר זענען זיך מצמצם צו עטליכע פּרטיות'דיגע זאַכן, און מען מיינט אַז דאָס איז גוטס. די אמת'ע באַדייט פון 'טוב' איז אָבער אַסאַך טיפער!

די אמת'ע 'טוב' איז אַזאַ תענוג אַז אפילו אַ פּשוט'ער מענטש וואָס האָט דאָס איינמאָל מרגיש געווען, וועט ער מסכים זיין צו מוותר זיין אויף אַלעס אין דער וועלט, בלויז צו קענען נאָכאַמאָל שפּירן יענעם 'טוב'. ווייל **דאָס גוטס פון קרבת אלקים איז די גרעסטע תענוג וואָס איז נאָר פאַראַן**, ווי דאס אויבנדערמאַנטע לשון פון הייליגן בעל התניא: "מקור החיים והטוב והעונג, והוא העדן שלמעלה מעולם הבא".

## די תענוג פון דעם חסיד אין דעם פינסטערן אוישוויץ

דער באַקאַנטער שרייבער, הרב **דוד זאריצקי** ז"ל, פאַרציילט וואָס ער האָט געהערט פון אַ חשוב'ער חסידי'שער איד, הרה"ח ר' **שמואל בורנשטיין** ז"ל, אַ גערער חסיד וואָס איז געווען מקורב צו הרה"ק בעל **אמרי אמת** זצ"ל. רבי שמואל פלעגט כל ימיו משתוקק זיין אַז הלואי זאָל ער נאָכאַמאָל שפּירן איין האַלבע שעה פון תענוג וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט. ער האָט אַגאַנץ לעבן געבעטן דעם אויבערשטן אַז ער זאָל נאָכאַמאָל טועון זיין יענע גוטע געפיל.

וואָס איז געווען די מעשה?!

האָט רבי שמואל פאַרציילט אַז איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָט ער געהאַט אַ משפחה מיט נחת פון די קינדער. ער האָט פאַרדינט שיין פרנסה פון אַ קלייט, און ס'איז געווען 'תורה וגדולה במקום אחד'; אַלעס וואָס אַ איד קען זיך וואונטשן.

אין אַ שווארצן טאָג זענען די נאַציס ימ"ש אָנגעקומען. זיי האָבן באַפוילן אַז ער איבערלאָזן זיין גאַנצע פאַרמעגן און אַרויפגיין אויף אַ באַן. ער איז געוואָרן ערלויבט צו מיטנעמען איין רענצל וואָס וועגט פינף קילאָגראַם. ער האָט אָנגעפולט דעם קליינעם רענצל מיט גאָלד און טייערע חפצים און איז אַרויף אויפ'ן באַן.

דעמאָלט, פאָרנדיג אויפ'ן באַן, האָט ער געטראַכט צו זיך: "הער זיך איין, כ'האָב שוין נישט מיין דירה און מיין געשעפט, אָבער כ'האָב נאָך ב"ה עפּעס פון מיין רכוש און מיין משפחה מיט קינדער".

אָנקומענדיג אין אושוויץ האָט ער געדאַרפט איבערלאָזן דאָס רענצל, האָט ער שוין נישט געהאַט קיין שום פאַרמעגן. אָבער ער האָט געקלערט: "כאָטש געפינען זיך נאָך מיין ווייב און קינדער מיט מיר".

דערנאָך, ווען די רשעים האָבן געמאַכט די שרעקליכע סעלעקציע און אים אָפּגעטיילט פון זיין משפחה אויף אייביג, האָט ער געטראַכט: "כ'האָב שוין נישט גאָרנישט, אָבער כ'בין געבליבן מיט מיינע בגדים מיט וואָס איך בין אָנגעטון".

אָבער דאַן האָט מען באַפוילן אַז איידער מען גייט אַרבעטן דאַרף מען זיך אויסטון די קליידער און זיך אַרומוואַשן.

דערציילט רבי שמואל בורשטיין ז"ל: "מען האָט אונז געהייסן אויסטון די קליידער און דאָס אַראָפּלייגן אין אַ צימער. בין איך געבליבן אויך אָן קיין בגדים.

"איך האָב זיך געטראָפן שטיין אין דעם מצב 'תחת כפת השמים', און געטראַכט צו זיך: "איך בין געבליבן אָן גאָרנישט אויף דער וועלט. איך בין אין דעם ביטערסטע לאַגע וואו אַ מענטש קען זיך געפינען". האָב איך אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט: **"טאַטע, איך בין געבליבן מיט דיר, און דאָס קען קיינער נישט צונעמען פון מיר"!**

"איך האָב באַמערקט אַז נעבן מיר שטייט אַ קאָמוניסט האָב איך אים געזאָגט: "זאָלסט וויסן אַז אפילו סטאַלין קען מיך נישט צונעמען מיין טאַטע אין הימל". יענער איז געוואָרן אויפגערעגט האָב

**אויב אַ מענטש זאָגט: "עס שטימט דאָך נישט?! איך בין נישט פון די וואָס האָבן באַקומען אַלעמאָל טוב?!", דאַרף ער נאָכאַמאָל אָנהויבן בענטשן...**

איך אים געזאָגט נאָכאַמאָל: "סטאַלין קען מיך אַלעס צונעמען אָבער דעם רבוש"ע קען ער פון מיך נישט אַוועקנעמען".

"איך בין אַזוי געשטאַנען אַהאַלבע שעה מיט פאַרמאַכטע אויגן אָן זיך רירן. **איך מיט'ן רבוש"ע אליינס.** אין די האַלבע שעה האָב איך געשפּירט אַ 'קרבת אלקים' וואָס איז אוממעגליך צו מסביר זיין. דערנאָך האָט מען אונז שוין אָנגעטון די לאַגער קליידער און מען האָט אונז געגעבן עפּעס צו עסן."

הרב בורנשטיין ז"ל פלעגט אויספירן: **"היינט צוטאָגס פאַרמאָג איך ב"ה אַ שטוב מיט קינדער, איך האָב אַ הויז מיט פּרנסה, אָבער אַגאַנץ לעבן בענק איך זיך צו דעם תענוג וואָס איך האָב דעמאָלט מרגיש געווען אין יענע האַלבע שעה. איך בין אַלעמאָל מתפלל אַז איך זאָל נאָכאַמאָל זוכה זיין צו יענעם געפיל".**

דאָס איז די אויבנדערמאַנטע נקודה: האָט רבי שמואל געוואָלט נאָכאַמאָל אַריבערגיין אַן אוישוויץ חלילה?! אודאי האָט ער זיך נישט געבענקט צו דעם 'אַרום און אַרום', ער האָט משתוקק געווען צו **די פּינטעלע אמת'ע 'טוב'** וואָס ער האָט דעמאָלט באַקומען.

זיין גאַנצע מצב אין אושוויץ איז געווען 'באַהאַלטענע טוב', אָבער ער האָט זוכה געווען טאַקע דאָרט צו מרגיש זיין די נקודה פון 'טוב', וואָס ווען מען שפּירט דאָס איז דאָס די גרעסטע תענוג אויף דער וועלט. און ווער עס האָט דאָס איינמאָל טועם געווען האָט נאָכנישט געהאַט קיין בעסערס דערפון קיינמאָל.

## ספה"ק היכל הברכה: "יאיר עליו אור לא יכילהו הרעיון"

דער הייליגער **קאָמאַרנער** זי"ע שרייבט עטליכע מאָל אין זיינע ספרים אָט די נקודה, אַז ווען דער מענטש גלייבט מיט אַ גאַנצע אמונה, קומט אַראָפּ אויף אים אַזאַ סאָרט ריזיגע ליכטיגקייט אַז אפילו ער געפינט זיך אין די גרעסטע צרות, שפּירט ער אַזאַ עונג און תענוג אַז ער איז שוין בכלל נישט מרגיש די יסורים!

אין ספה"ק **היכל הברכה** שרייבט ער בלש"ק: **"כי באמונה שלימה שמאמין שאין שום מציאות בלתי ה' יתברך ובכל תנועה אלופו של עולם ממש, ויקבל הכל באהבה, אזי פתאום יבוא האדון להיכלו ויפתחו כל תרעי דרחמי** (שערי הרחמים) **ויאיר עליו אור לא יכילהו הרעיון".**

נאָך שטאַרקער שרייבט דער קאָמאַרנער אין זיין ספר **זוהר חי** (פרשת וארא): **"תאמינו לי אחי, כי אם לאו זה הידיעה שבכל תנועה אלופו של עולם והשגחתו יתברך מנהיגני, הייתי מסתלק זה מכבר מן העולם מרוב הדוחק והעוני והטלטול והצער והגלות וחירופים וגידופים וחלישות הדעת. אך האמונה מביאה עלי אור עליון שמקיף אותי ומחיה אותי שלא ארגיש כלל לא מהם ולא מהמונם".**

דאָס מיינט אודאי נישט אַז אַ מענטש דאַרף יעצט דורכגיין אַלע צרות פון דער וועלט אָנצוקומען צו דעם תענוג.דער לימוד פון דער מעשה איז אַז מיר דאַרפן שוין אויפהערן זיך מצמצם זיין וועלכע 'טוב' מיר ווילן האָבן. **לייג נישט אַריין דעם 'טוב' אין דיינע באַגרעניצטע כלים, זיי זיך בוטח אַז דער רבוש"ע וועט דיך געבן פון זיין אמת'ע 'טוב'** וואָס ס'איז נישט דאָ קיין בעסערס דערפון.

## דער 'מן' האָט געהאַט אַלע טעמים ווייל ס'איז געקומען פון אַ הויכע שפע

מיר ווייסן אַלע אַז דער "דור המדבר' האָט געשפּירט אין דעם 'מן' אַלע טעמים וואָס זיי האָבן נאר געוואָלט. אַמאָל מיינט מען, מיט'ן קינדערישן שכל אַז דאָס איז געווען אַזאַ אינטערעסאַנטע נס.

אָבער באמת איז דאך דאָס זייער פאַרשטענדליך אפילו לויט אונזערע באַגריפן, ווייל ס'איז געווען 'לחם מן השמים', און אַזוי אַרבעט שפע, **ווען עס קומט פון אַ הויכע פּלאַץ איז זיך דאָס נישט מצמצם אין אונזערע גשמיות'דיגע כלים.** דאָרט איז דער מקור פון אַלע טעמים, אודאי האָט מען געשפּירט אין דעם 'לחם מן השמים' אַלע סאָרט טעמים.

הערשט שפּעטער, ווען די שפע קומט אַראָפּ נידריגער איז דאָס שוין מער מגושם און באַגרעניצט. אַזויווי די מאכלים וואָס מיר עסן, וואָס קומט נאָך אַזויפיל צמצומים, פאַרדעם איז עס אַזוי מוגבל צו איין געוויסע טעם.

דאָס זעלבע זאָגט מען פאַר'ן מענטש: **ווען דו ביזט זיך בוטח בה', זיי זיך נישט מצמצם צו אַ געוויסע סאָרט 'טוב', ווייל דעמאָלט וועסטו נישט קענען יונק זיין פון דעם היכן ליכטיגקייט וואָס ברענגט אַראָפּ אַ שלימות'דיגע 'טוב'.** פאַרלאָז זיך גענצליך אויפ'ן אויבערשטן און ער וועט דיך משפיע זיין 'מידו הרחבה והמלאה', מיט אַ הויכע שפע, וואָס איז אומבאַגרעניצטע גוטס!

## וויאַזוי גייט צוזאַמען 'תפלה' מיט 'בטחון'?!

מען הערט אַסאַך די שאלה: אויב גלייבן מיר אַז אַלעס וואָס פאַסירט מיט אונז איז 'לטובה', וויאַזוי איז שייך צו מתפלל זיין אז דער רבוש"ע זאָל אונז געבן גוטס, ס'איז דאך אַלעס אַזוי געוואַלדיג?! ער האָט דאָך אונז שוין געגעבן אַלעס גוטס?!

צוערשט דארפן מיר וויסן אז מיר דאַווענען ווייל דער רבוש"ע האָט אונז אַזוי געהייסן טון. ווי עס גייט דער ניגון: "דו האסט געבעטן דאַווענען, וועל איך יעצט דאַווענען פאַר דיר"... אַזוי זאָגט מען טאַקע אין דער תפלה פון די קדמונים, וואָס איז געדרוקט אין טייל סידורים: "מי אנכי שאזכה להתפלל לפני הקב"ה שהוא א-ל גדול ונורא... **אלא מפני רחמיו וחסדיו הגדולים שהוא מרחם על בריותיו ורוצה בתפילה ותחנונים של עבדיו כמו שנאמר קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת".**

אָבער אויסערדעם, איז דאך עס פּונקט פאַרקערט: טאַקע יעצט, ווען דער מענטש איז רואיג, און ער ווייסט קלאָר אַז דער רבוש"ע האָט אים ביז יעצט אַלעמאָל געטון גוטס, **אַצינד איז די צייט צו דאווענען און צו בעטן אַז דער אויבערשטער זאָל אים ווייטער טון גוטס**, און ער זאָל אים טאַקע געבן פון יעצט 'טוב הנגלה'.

אַנטשולדיגט פאַר'ן עס אַזוי אַרויסזאָגן, אָבער ס'איז דאָ אַמאָל וואָס דער מענטש שפּירט אַז ער גייט זיך חלילה קריגן מיט'ן אויבערשטן דורך תפלה... זאָגט מען פאר דעם מענטש: **באַרואיג זיך, ס'איז אַלעס זייער גוט געווען ביז יעצט, און דער רבוש"ע וויל אַז ס'זאָל זיין נאָך בעסער פון יעצט!**

מיר זענען קלאָר ביי זיך אַז דער רבוש"ע וויל אונז געבן אַלעס גוטס, און **מיר גלייבן אַז אַלעס וואָס מיר האָבן באַקומען יעצט איז אויך געווען גוטס, אַפילו ווען עס איז געווען 'טוב הנסתר'.** יעצט בעטן מיר בלויז אַז ער זאָל מגלה זיין נאָכמער זיין גוטס, עס זאל שוין זיין 'טוב הנגלה', סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

## דאָס נחיצות יאָ צו לערנען די סוגיא פון בטחון אויף אַ יסודות'דיגן אופן

צום שלוס, לאָמיר אויסשמועסן אַ זאַך וואָס אַסאַך מענטשן פרעגן: "פאַרוואָס דאַרף מען אַזויפיל מאריך זיין אין דער הבנה פון בטחון?! וואָס איז נישט גענוג די פשוט'ע בטחון אַז דער אויבערשטער גייט העלפן?!".

אידן פאַרציילן: "איך האָב געהאַט בטחון און ס'האָט געאַרבעט אָן די אַלע תורות"... אָדער ווי אַ איד האָט לעצטנס אַריינגעשיקט אַז ער האָט בטחון אויף פּרנסה און ס'איז שוין ב"ה צען יאָר וואָס ער דעקט זיך יעדן חודש, אַן אפילו וויסן וויאַזוי דאָס געשעט.

ס'איז זיכער אַז דאָס הייסט בטחון און ח"ו צו זאָגן אַז איינער וואָס פאַרלאָזט זיך אַזוי אויפ'ן אויבערשטן ווערט נישט אָנגערופן קיין בוטח. אָבער עס איז יאָ כדאי צו אַראָפּשטעלן די כללים פון בטחון, צוליב צוויי סיבות.

ערשטנס, איז פאַרהאַן אַסאַך מענטשן וואָס האָבן די הרגשה אַז זיי זענען געבליבן שטעקן אין דער סוגיא פון בטחון. זיי שפּירן אַז בטחון אַרבעט נישט, דעריבער דאַרף מען צוריקגיין צום אָנהויב, צו באַטראַכטן און זען וואָס איז דאָס די ריכטיגע בטחון, ווייל ערגעץ וואו האָבן זיי דאָ געהאַט אַ טעות אויפ'ן וועג און מ'דאַרף דאָס צוריק עפענען מיט אַ קלאָרקייט.

צווייטנס, איז דאָ אַסאַך מדריגות אין בטחון, און דער מענטש האָט דאָך אַזויפיל סטאַנציעס אין לעבן. אַמאָל העלפט אים טאַקע די בטחון ביי דעם ענין פון 'פּרנסה', אָבער דער חובת הלבבות זאָגט אונז שוין אַז פון הימל וויל מען צומאָל מנסה זיין דעם מענטש מיט בטחון, דעריבער קען פאַסירן אַז ווען עס קומט אונטער אַן אַנדערע פּראָבלעם; ביי אַן ענין פון רפואה, אַ שידוך, וכדומה; דעמאָלט דאַרף ער יאָ זיך מחזק זיין צו פאַרשטיין 'וואָס איז דאָס בטחון'.

איבערהויפּט האָבן מיר שוין געלערנט אַז ס'איז דאָ זאַכן וואָס דער רבוש"ע האָט דערויף בפירוש מבטיח געווען; צום ביישפּיל אַז דער מענטש וועט האָבן צו עסן, הוא נותן לחם לכל בשר, דאָרט איז טאַקע גרינגער צו האָבן בטחון אַז דער אויבערשטער וועט זיכער העלפן. ווידעראום איז דאָ אַזעלכע זאַכן וואָס איז דאָרט נישט פאַרהאַן קיין בפירוש'ע הבטחה, דאַרף מען דאָרט מער גרינטליך זיך מעמיק זיין אין בטחון, צו גלייבן אַז אַלעס איז גוטס, און זיך בוטח זיין אַז דער רבוש"ע גייט איבערדרייען דעם יעצטיגן 'טוב הנסתר' צו אַן אָפענע 'טוב הנראה'. אַזוי קען מען מקיים זיין די מצוה פון בטחון מיט אַ הידור רב אין אַלע אומשטענדן!

> **ס'איז דאָ אַמאָל וואָס דער מענטש שפּירט אַז ער גייט זיך חלילה קריגן מיט'ן אויבערשטן דורך תפלה...**

# הכרת הטוב

**את פניך אבקש:**

באַקומען אַ קשר מיט השי"ת דורך 'הכרת הטוב'

יום שני פרשת וארא כ"ג טבת תשפ"ג

א

# לראות בטוב ה'; ווען מען זעט די מעלות פון אַ איד זעט מען כביכול דעם רבוש"ע

## דער חילוק ביים אויפנעמען איינגעשטעלטע אין ישיבה

ווען מען רעדט איבער דעם ענין פון 'הכרת הטוב', וואָס איז פאַרבינדן מיט'ן באַמערקן און זען דאָס גוטס פון אַנדערע מענטשן, האָב איך מיט עטליכע יאָר צוריק מיטגעהאַלטן אַ שמועס צווישן צוויי איינגעשטעלטע אין אַ ישיבה, וועלכע האָבן גערעדט איבער די טעמע ווען מ'דאַרף אויפנעמען אַ נייעם מענטש אין ישיבה; צ.ב.ש. אַ משגיח, אַ מגי"ש אָדער אַ שואל ומשיב.

האָט איינער דעמאָלט געזאָגט פאַר'ן אַנדערן: "מיר איז גרינגער צו אויפנעמען אַן איינגעשטעלטער, ווייל איך האַלט נישט אַז דער מענטש דאַרף זיין אַ מושלם. גלייך ווען איך טרעף איינעם וואָס האָט די פאַרלאַנגטע כשרונות און יראת שמים, וועל איך אים אויפנעמען, איי, ער האָט דאָך אויך חסרונות?! נו, מען וועט זיך פרובירן אַן עצה צו געבן דערמיט".

ווידעראום - זאָגט ער פאַר'ן צווייטן - דו זעהסט יעדנס חסרונות אַזוי ריזיג גרויס אַז דו קענסט זיך נישט דערקלויבן קיינעם. יענער ווערט באַלד אָפּגעפרעגט מכל וכל... און למעשה פאַסירט אַז דו נעמסט אויף אַסאַך שוואַכערע קאַנדידאַטן. פאַרוואָס?! ווייל אַלע נעמען וואָס קומען אַרויף, זענען ביי דיר פסול ונפסל, נישט בלויז צו זיין אין ישיבה, נאָר זיי ווערן ממש פסול לעדות... און ווען עס קומט ראש חודש אלול - נישט אינדערפרי', נאָר נאָכמיטאָג - טרעפט מען זיך אָן קיין מגי"ש, כאַפּט מען די ערשטע וואָס קומט אונטער, ווייל מען האָט דאָך שוין נישט קיין אַנדערע ברירה... אָבער איך, זעה טאַקע דעם חסרון, און ס'איז נאָכאַלץ 'בסדר'. מען מאַכט עס נישט אַזוי ריזיג און דעריבער קען מען אויסוועלן אַ פּאַסיגע איינגעשטעלטער לויט זיינע אייגנשאַפטן.

## אין דער 'מעלת האדם' ליגט באַהאַלטן דער רבוש"ע

דאָס איז אַ געוואַלדיגע יסוד וואָס מ'קען זאָגן לגבי צענדליגער זאַכן אינעם לעבן. אונזער עבודה איז "שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם". **דאָס מיינט נישט אַז יענער האָט נישט קיין חסרונות!** מיר דאַרפן נאָר אַרבעטן נישט צו באַמערקן דעם חסרון!

ווי אויסגעשמועסט אין די פריערדיגע שיעורים, איז דאָ פאַרהאַן אַ נקודה, אַז די 'מעלות' פון דעם מענטש, דאָס קומט פון דעם רבוש"ע, און לאידך גיסא, זיינע 'חסרונות' זענען פשוט נאָכנישט אויסגעאַרבעט געוואָרן.

ס'איז נישט פשט אַז יענער האָט מעלות און חסרונות - וואָס ביידע דערפון זענען זיינע. נאָר די אמת'ע בליק דאַרף זיין אַז אין יענעמ'ס מעלות און גוטע מדות ליגט כביכול אַ כח פון דעם רבוש"ע.

## אויף יעדע גוטע מדה האָט זיך דער מענטש אַמאָל געמוטשעט

נאָכמער, דער הייליגער **נועם אלימלך** זאָגט אַז אפילו אַ מענטש וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט גוטע מדות, איז דאָס בלויז וויבאַלד אין דעם פריערדיגן גלגול האָט ער שוין גוט געהאָרעוועט דערויף, און ער האָט זיך שוין געמוטשעט דאָס צו אויסאַרבעטן. דעריבער איז די ספּעציפישע חלק פון עבודת ה' אַצינד גרינגער פאַר אים.

נישט יעדער איינער האָט אַ נסיון מיט'ן אויפשטיין פרי. איינער מוטשעט זיך שטאַרק דערמיט, ער דאַרף אריינלייגן האַרעוואַניע זיך צו מתגבר זיין און אַ צווייטער איז געבוירן מיט דעם נאַטור זיך צו אויפוועקן גאַר פרי, אָבער **ס'איז זיכער אַז ער האָט זיך אויך אַמאָל געדאַרפט מוטשן דערמיט.** ווען מיר זען ביי איינעם מיט גוטע מדות, דאַרף מען וויסן אַז דאָס איז נישט סתם אַ טבע. נאָר דאָס איז געוואָרן אויסגעאַרבעט מיט יגיעה, **אויב נישט אין דעם גלגול דעמאָלט אין דעם פריערדיגן גלגול.** און דעריבער איז דאָ דאָרט אַ גילוי אלוקות. קענסט דאָרט טרעפן דעם רבוש"ע.

ווען מיר פאָקוסירן צו באַטראַכטן די מעלות פון אַן אַנדערע איד, איז מען זיך מחבר צו דעם שפע פון דעם אויבערשטן, און חלילה ווען מען קוקט אויף די חסרונות זעט מען די קליפה, וואָס איז נאָכנישט געוואָרן אויסגעאַרבעט.

אַנשטאָט קוקן אויף דאס גוטס וואָס קומט פון דעם מקור הטוב, איז מען זיך מחבר צו דער קליפה וואָס נעמט דאָס אַרום. מען זעט די זאַך וואָס דער מענטש מוטשעט זיך נאָך דערמיט און ער האָט נאָכנישט מצליח געווען צו מגלה זיין די 'נקודה אלוקות' דערפון.

**דאָס ליגט אין דער בחירה פון דעם מענטש;** ער קען באַשליסן צו וועלכע זאַך ער וויל זיך מחבר זיין: צו דער קליפה אָדער צו דער שפע.

## לאָז נישט דעם 'חסרון' וואוינען ביי דיר אָן קיין רענט...

דער שמועס איז נאָכמער נוגע ווען איינער האָט דיך געטון אַ טובה און האָט דיך אויך געטון שלעכטס. דער מענטש פרעגט: "מהיכי תיתי אַז איך אים דאַרף יעצט מכיר טובה זיין?! פאַר יעדע טובה וואָס איך האָב פון אים באַקומען האָב איך דאָך באַקומען צען נישט גוטע זאַכן".

לאָמיר זאָגן אַז ס'איז טאַקע ריכטיג, אָבער יעצט האָסטו די בחירה; **אויב וועסטו זיך מחבר זיין צו די אַלע שלעכטע זאַכן וואָס ער האָט געטון, ווערסטו יעצט אויך אַ חלק פון יענעם חסרון!** ווערסט אַ טייל פון די קליפה ווייל דו טראַכסט דערפון!

די וועלט זאָגט אַז ווען אַ מענטש דרייט זיך אַרום אָנגעווייטאָגט מיט טענות אויף אַ צווייטן, **לאָזט ער יענעם וואוינען ביי אים אין האַרץ אָן באַצאָלן קיין רענט...** דו טראָגסט זיך אַרום דערמיט איבעראַל און דו אַליינס ליידסט דערפון, אַלעס צוליב דיין בחירה זיך צו מחבר זיין צו דעם חסרון.

די זעלבע זאַך איז אַקטועל אויך ווען מען האָט נישט ממש קיין 'טינא בלב', נאָר **בלויז די עצם זאַך אַז מען קוקט אַזוי אָן דעם צווייטן מיט אַ נעגאַטיוון בליק,** איז מען דעמאָלט בוחר, זיך צו מחבר זיין צו דעם 'חלק הקליפה' פון יענעם. און אַז מען קוקט אויף קליפה קען מען נישט זען דעם רבוש"ע.

## זיי זיך מתבונן אין דאָס ליכטיגקייט פון אידישע קינדער

ווען אַ מענטש קומט אַריין אין בית המדרש, און ער איז זיך מתבונן ריכטיג, קען ער ממש זען דעם רבוש"ע: - "קוק אן דאָס מסירת נפש פון יענעם איד, ווי ער שטרענגט זיך אָן צו קומען דאַווענען".

דער מענטש שפירט זיך ממש אַזוי דערהויבן: - **"איך בין זוכה צו דאַווענען מיט נאָך 9 אידן, וואָס זענען אַלע מסירת נפש'דיגע אידן ביי זייערע נסיונות. איינער איז מקבל יסורים באהבה, דער צווייטער האָט מוותר געווען אויף אַסאַך געלט נישט צו גורם זיין קיין מחלוקת, א.א.וו. מיט אַזעלכע טייערע אידן דאַוון איך!".**

דער יצר הרע קומט אָן און זאָגט: "וואָס, דו רעדסט פון יענעם?! כ'וועל דיך ווייזן יענעמ'ס אַנדערע פראָבלעמען!", זאָגט מען אים: "**אַנטשולדיגט, איך וויל נישט וויסן דערפון!** אַז איך זעה נישט די זאַכן ווער איך מחובר צום רבוש"ע!".

אַזוי איז עס אויך לגבי 'הכרת הטוב'; ווען איינער האָט מיך געטון אַ טובה און איך בין בוחר זיך צו מחבר זיין דערצו, און זיך מתעלם זיין פון אַלע אַנדערע זאַכן, בין איך זיך דורכדעם מקרב צום אויבערשטן.

ב

# קריאה מעורר הזמן: אויפלעבן דאָס גוטס דורך דאָס געדענקן און האַלטן פאַר די אויגן

### דערמאַנען גוטס מאַכט דאָס צוריק לעבעדיג

אין ספרים הק׳ זען מיר אַסאַך מאָל דעם יסוד אַז ווען אַ מענטש געדענקט אַ גוטע זאַך, ברענגט ער דאָס בפּועל צוריק דאָ. עס ווערט צוריק לעבעדיג אויפ׳ן טיש. ווען מיר זאָגן די פּרשה פון די עקידה יעדן אינדערפרי; ווען מיר ליינען די קריאה פון מתן תורה; ברענגען מיר דאָס נאָכאַמאָל אַראָפּ אויף דער וועלט. מיר זענען מחי׳ די זאַך וואָס מיר דערמאַנען.

ביים דאַווענען זאָגט מען אַז דער רבוש״ע איז אַ ״זוכר חסדי אבות לבני בניהם״. דאס מיינט אַז ביים אויבערשטן שפּילט זיך יעצט אַלעס אָפּ בפּועל ממש! ביי אים איז נישטאָ קיין ׳עבר׳ און נישט ׳עתיד׳, אַלעס געשעט יעצט.

די שאלה איז בלויז: צו וועלכע זאַך ביזטו זיך מחבר?! דו קענסט אויך מאַכן פון דעם ׳עבר׳ אָדער פון דעם ׳עתיד׳ אַ ׳הוה׳! ווען אַ איד דאַנקט דעם אויבערשטן על שם העתיד ברענגט ער יעצט אַראָפּ דעם עתיד דאָ! דאָס זעלבע ווען אַ איד דאַנקט אויפ׳ן עבר ברענגט ער יעצט צוריק דעם ׳נס חנוכה׳ אָדער ׳נס פּורים׳ דאָ. ער איז צוריק מחיה די גוטע זאַכן! ער גיסט וואַסער דערויף און ס׳הייבט אן נאָכאַמאָל וואַקסן.

ווען אַ מענטש דערמאַנט די אַלע טובות וואָס דער רבוש״ע האָט מיט אים געטון און וואָס מענטשן האָבן מיט אים געטון, **ברענגט ער דאָס צוריק לעבעדיג!** און פון אַלע אַנדערע זאַכן איז ער זיך מתעלם, ווייל ׳פאַרוואָס לוינט זיך מיר צו טראַכטן דערפון?!׳.

### רעדן און טראַכטן פון אַ זאַך בלאָזט צוריק אויף די גאַנצע מעשה

ס׳איז פאַרהאַן אַ כלל אין ׳חכמת חיים׳, אַז ווען מען טענה׳ט זיך מיט אַ צווייטן, גיט מען אים פּשוט בלויז נאָך געזאָלין, אַז יענער זאל ווערן נאָכמער פאַר׳עקשנ׳ט... ״יענער האָט געטון אן עולה?! בלייב שטיל און רעדט נישט דערפון, ווייל דו בלאָזט עס נאָכמער אויף אַזוי. מאַך נישט דערפון אַזאַ גרויסע באַרג! ענדיג שנעל דערמיט! און פאַרקערט, **ווען יענער האָט געטון אַ גוטע זאַך, לעב דערמיט! זיי דיך מתבונן דערינען, ווייל דו ביזט נאָכאַמאָל מחיה די זאַך פּשוטו כמשמעו״!**

ווען איינער דערציילט אויף דיך אַן אומגינסטיגע נייעס, איז די ערגסטע זאַך וואס דו קענסט טון, זיך פאַרענטפערן... פאַרוואָס פארענטפערסטו זיך? לאָז יענעם רעדן און גיי אן ווייטער מיט׳ן לעבן. אין אַ האַלבע שעה אַרום גייט שוין קיינער נישט געדענקן די מעשה. אָבער דער מענטש קומט אן אַ שעה שפּעטער: ״ניין איך וויל ענטפערן!״ - האסט יעצט צוריק אויפגעלעבט דעם שמועס, מזל טוב!

און אויב האָסטו באַקומען פון איינעם אפילו אַ ׳משהו׳ גוטס. נעם עס אייביג אַרויס! דאַנק אים דערפאַר! מאַך אַ ׳סעודת הודאה׳! זיי אים מכיר טובה; שיק אים ׳משלוח מנות׳; זאָרג זיך פאר זיין וואוילזיין; האָב אים אינזין ביים דאַווענען; דו וועסט דערמיט אויפטון אַז אפילו **ס׳איז געווען אַ קליינע טובה וועט דאָס יעצט וואַקסן**, עס וועט ווערן גרעסער און גרעסער!

ג

# שערי שמים פתח: לאָז אייביג אָפן די צינורות פון שפע

### פון הימל האָט מען אונז געעפנט אַזויפיל צינורות

ווען דער רבוש״ע שיקט שפע פאַר׳ן מענטש, געפינט זיך דער מענטש אויפ׳ן אונטערשטן שטאָק און העכער אים איז פאַרהאַן הונדערט שטאָק. וויאַזוי קען די שפע אַראָפּקומען אַזוי נידריג ביז אים?! עפענט אים דער אויבערשטער ׳צינורות׳ פון שפע.

איין צינור איז זיין טאַטע, אַ צווייטע צינור איז זיין מאַמע. דערנאָך האָט אים דער אויבערשטער געעפענט נאָך אַ צינור און נאָך אַ צינור; זיין מלמד אין כתה א׳, זיין מלמד אין כתה ב׳, דער אינגערמאַן וואָס האָט אים געהאָלפן אַלס בחור, זיין שדכן, און אַזוי ווייטער, די אַלע אידן וואָס האָבן אים געהאָלפן במשך זיין לעבן.

### פאַרוואָס פאַרשטאָפּן די צינורות?!

גייט דער מענטש אַריין אין געשעפט און פרעגט: ״האסט אפשר אַ שטאָפּער?!״. ער שטעלט זיך אַוועק און הייבן אן פאַרמאַכן די צינורות... - אָה, דער שדכן?! ער האָט דאָך בלויז געמיינט געלט, כ׳האָב שוין געענדיגט מיט אים. פאַרמאַכט דעם צינור! - מיין טאַטע?! איך פאַרשטיי אַביסל בעסער פון אים... פאַרמאַכט דעם צינור! - דער אינגערמאַן וואָס האָט מיך געהאָלפן?! איך האָב שוין גאָרנישט מיט אים. פאַרמאַכט דעם צינור!

עס קוקט אויס ווי פון די צינורות רינט וואַסער וואָס שטערט אים... ער וויל פאַרגעסן פון אַלע וואָס האָבן אים געטון גוטס, אָבער **ער פאַרמאַכט דאך די צינורות פון זיין אייגענע שפע!**

דו קלערסט אַז דער רבוש״ע האָט דיך געעפענט די צינורות בלויז צייטווייליג?! דאָס איז תלוי בלויז אין דיר! **אויב דו וועסט ווייטער מכיר טובה זיין וועסטו יעצט האָבן דרייסיג, פערציג און אפילו הונדערט אָפענע צינורות!** ווילאַנג דו ביזט מכיר אַז דאָס זענען אַלע צינורות דיך צו ברענגען אַ שפע פון דעם אויבערשטן.

### פארגעס נישט פון מענטשן וואָס האָבן דיך געהאָלפן

אַ אינגערמאַן האָט געהאַט אַ תקופה, גלייך נאָך דער חתונה, ווען ער האָט נאָך געוואוינט נעבן זיין שווער, איז געווען דאָרט אַ רב אָדער אַ משפיע וואָס ער פלעגט אַריינגיין צו אים הערן דברי תורה ביי ׳שלש סעודות׳, שפּעטער האָט ער זיך געצויגן צו אַן אַנדערע געגנט, און דאָס איז עס. ער האָט אים אויסגעמעקט פון זיין זכרון. אַזוי גייען מענטשן פון איין רב צום אַנדערן און יעדעס מאָל פאַרגעסן זיי דעם פריערדיגן.

אַזוי פירן זיך אויף בחורים אין ישיבה. ער האָט געענדיגט דאָס ערשטע יאָר פון שיעור א׳, און גלייך דעם ערשטן טאָג פון שיעור ב׳ איז ער דאָך שוין אַ גרויסער בחור... ער זאָגט מער נישט קיין ׳גוט מאָרגן׳ פאַר׳ן מגיד שיעור פון פאַראַיאָר, ווייל יענער איז דאָך דער קליינער מגיד שיעור פון די יונגע בחורים... ער קען אים מער נישט. ער לאַכט פון אים און ער האָט געענדיגט מיט אים.

דאָס זעלבע מיט אַ מענטש וואָס האָט זיך געפינען אין אַ קהלה. היינט איז ער קלוגער געוואָרן, ער זוכט אַביסל מער, ער דאַרף איינער וואָס לערנט קבלה... מעגליך אַז דאָס איז נישט אָפּגעפרעגט, אָבער **פאַרוואָס האָסטו פאַרמאַכט דעם פריערדיגן צינור?!** וואָלסט דאך געקענט בלייבן מיט הונדערט אָפענע צינורות פון חכמה!

דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן און זיין קאָפּ האָט זיך אַביסל אַנטוויקלט, טאַקע צוליב דעם ערשטן רב, אָבער יעצט זאָגט ער: ״יענער איז געבליבן אַ קינד, איך בין קלוג געוואָרן״... פאַרמאַך נישט דעם צינור! **קענסט דאך גיין ווייטער אויך אן פאַרמאַכן די צינורות!** וויפיל שפע און קשר מיט׳ן רבוש״ע קען מען באַקומען ווען מען לאָזט אַלע צינורות אָפן, מיט דער ריכטיגער צוגאַנג פון הכרת הטוב.

אַה, דער שדכן?! ער האַט דאַך בלויז געמיינט געלט, כ׳האָב שוין געענדיגט מיט אים. פאַרמאַכט דעם צינור!